# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:12
מוצאי שב"ק......................5:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................מלכים-ב ג'-ד'
בבלי.............................מגילה ו'
ירושלמי...............קידושין י"ד
תוספתא...............בבא קמא ו'
רמב"ם...עבודת יום הכיפורים ה'

פרשת ויחי, י"ד טבת, שנת תשפ"ב לפ"ק

שנה 11, גליון 16 (531)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

בֵּן פֹּרָת יוֹסֵף בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן וְגוֹ', וַיְמָרְרֻהוּ וָרֹבּוּ וַיִּשְׂטְמֻהוּ בַּעֲלֵי חִצִּים. דֶער פָּסוּק הוֹיבְּט אָן מִיט דִי אוֹיגְן, ווִי רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף "עֲלֵי עָיִן", אַז יוֹסֵף הָאט גֶעהַאט חֵן אִין דִי אוֹיגְן, און דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער אִיבֶּער דִי בִּיטֶערְנִישְׁן און צָרוֹת וָואס יוֹסֵף הָאט מִיטְגֶעמַאכְט אִין לוֹיף פוּן זַיינֶע יָארְן; וָואס אִיז דִי פַארְבִּינְדוּנְג צְווִישְׁן דִי צְוֵויי זַאכְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ה) אַז בַּיים תַּכְלִית אִיז אַלֶעס גוּט, וִויפִיל צָרוֹת און יִסוּרִים אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר דוּרְכְגֵיין און לַיידְן אִין זַיין לֶעבְּן, אוֹיבּ זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן תַּכְלִית, וֶועט עֶר זֶען אַז אַלֶעס אִיז נָאר גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת פַאר אִים, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז דָאךְ אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, און אַלֶעס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ דִי צָרוֹת און יִסוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אִיז זִיכֶער אוֹיךְ נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אָדֶער אִים צוּ דֶערְמַאנֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אָדֶער אַז עֶר זָאל מִיט דֶעם אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, דִי כַּוָונָה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁוֶועריְקֵייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ טוֹבָה פוּן דֶעם, און אוֹיבּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן שֵׂכֶל און קוּקְן אוֹיפְ'ן תַּכְלִית, וָואלְט עֶר בִּכְלָל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם יִסוּרִים קֵיינְמָאל. דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט יָא, אִיז נָאר ווייל מְ'נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים דֶער דַעַת און שֵׂכֶל, און דַאן קֶען עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ'ן תַּכְלִית, עֶר קֶען נִישְׁט אַרַיינְקְלֶערְן און פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֱמֶת פַארְוָואס דִי שְׁוֶוערֶע זַאכְן קוּמֶען אוֹיף אִים, און פוּן דֶעם לַיידְט עֶר אַזוֹיפִיל.

און דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַז דֶערְפַאר אִיז דֶער נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַז וֶוען עֶר שְׁפִּירְט שְׁטַארְקֶע יִסוּרִים, וֶועט עֶר שְׁטַארְק פַארְמַאכְן זַיינֶע אוֹיגְן; ווייל מֶען זֶעט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל זֶען עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס אִיז וַוייט פוּן אִים, און ס'זֶענֶען דָא זַאכְן אַרוּם וָואס שְׁטֶערְן אִים פוּן זֶען יֶענֶע זַאךְ, וֶועט עֶר אַבִּיסְל פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן, עֶר וֶועט מְצַמְצֵם זַיין זַיינֶע אוֹיגְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶע זַאךְ, און אַזוֹי עֶס בֶּעסֶער קֶענֶען זֶען; דֶערְפַאר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט יִסוּרִים, וָואס דַאן אִיז זַיין עֵצָה צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן תַּכְלִית, צוּ זֶען און פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ גָאר שְׁטַארְק פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן, און אֲפִילוּ עֶס צוּדְרוּקְן מִיטְ'ן פִינְגֶער, אַז דִי אַלֶע אַרוּמִיגֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט זָאל אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן צוּ קֶענֶען קוּקְן וַוייט, בִּיז צוּם תַּכְלִית, און זֶען אַז אַלֶעס אִיז בֶּאֱמֶת נָאר טוֹבוֹת און חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסוּרִים.

מִיט דֶעם מֶעסְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט און חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד, וִויפִיל עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויפִיל עֶר לוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָאטְשׁ וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריְקֵייטְן אִין זַיין לֶעבְּן, סֵיי בְּרוּחָנִיוּת און סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, אוֹיבּ אִיז עֶר זוֹכֶה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וִויסְנְדִיג אַז אַלֶעס טוּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר זַיין טוֹבָה, דֶער אִיד הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וַוייזְט אַרוֹיס זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

דָאס אִיז אוּנְז יַעֲקֹב אָבִינוּ מְרַמֵּז אִין דִי פְּסוּקִים, יוֹסֵף הַצַּדִיק אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן און יִסוּרִים אִין זַיין לֶעבְּן, "וַיְמָרְרֻהוּ וָרֹבּוּ וַיִּשְׂטְמֻהוּ בַּעֲלֵי חִצִּים", וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן? דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם "עֲלֵי עָיִן", עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ קוּקְן מִיט זַיינֶע אוֹיגְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ זֶען דֶעם תַּכְלִית, אַז דִי אַלֶע צָרוֹת שִׁיקְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט און רַחֲמָנוּת פַאר זַיין תַּכְלִית, און דָאס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, בִּיז וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, און אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ אִין מִצְרַיִם.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן און גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, כָאטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז אַרִיבֶּער בִּיטֶערְנִישְׁן אִין לֶעבְּן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע פֶּעקְל צָרוֹת, זָאלְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן און קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעדֶענְקֶען אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, דַאן וֶועט אוּנְז זַיין פִיל גְרִינְגֶער אַלֶעס אַרִיבֶּערְצוּטְרָאגְן, און מִיר וֶועלְן אִינְגִיכְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיְחִי תשס"ב)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### פַארְוָואס זִיךְ קְרִיגְן?

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח:) "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶם שׁוֹנִים, כַּךְ דֵעוֹתֵיהֶם שׁוֹנוֹת" - אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶער גֶעשְׁטַאלְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ; דִי זֶעלְבֶּע הָאט אוֹיךְ יֶעדֶער אַנְדֶערֶע דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת און עֶר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דָאס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן חִילוּקֵי דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ אַ זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת. דָאס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיךְ קְרִיגְן צוּלִיבּ דֶעם, און דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן אַרוֹיפְצוּצְווינְגֶען זַיין פַארְשְׁטַאנְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער זָאל מוּזְן הַאלְטְן אַזוֹי וִוי אִים.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען אַמֶערִיקֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִי לְבָנָה, הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט יֶענֶעם, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען און מִיטְגֶעלֶעבְּט דָארְטְן אוֹיף דִי לְבָנָה. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְט, קוּקְנְדִיג אַרָאפּ פוּן דִי לְבָנָה.

וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי פְרַאגֶע הָאט עֶר זִיךְ צוּלַאכְט און גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶעקוּקְט פוּן אוֹיבְן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְטְל וִוי אַ קְלֵיינֶע בָּאלִי. און אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם קְלֵיינֶעם בָּאלִי גֶעפוּנֶען זִיךְ בִּילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם צְווִישְׁן זִיךְ, זֵיי פִירְן גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת און הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. און זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וִוי זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוֹיף אֵיין קְלֵיינֶעם בָּאלִי".

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לִימוּד. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיינֶע מַחְלוֹקֶתְ'ן, עֶר דַארְף זִיךְ קְרִיגְן מִיט דֶעם

<<<<<<

## א גוט ווארט

הַאלְט קָאפּ אוֹיף דִי צְוֵויי נְקוּדוֹת: עֶס זָאל נָאר זַיין שָׁלוֹם, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת, און מֶען זָאל רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. מֶען זָאל רֶעדְן פוּן דִי דְרֵיי נְקוּדוֹת: לֶערְנֶען תּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), פוּן תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, און פוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים נ, א): "'קֵל אֱלֹקִים ה' דִּבֶּר', כִּי אֵלּוּ שְׁלֹשָׁה שֵׁמוֹת הֵם מְקוֹר הָאֱמֶת, וְעַל יָדָם מֵאִיר הָאֱמֶת בְּהַדִּבּוּר", דִי דְרֵיי שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דֶער אֱמֶת, און אַז מֶען רֶעדְט פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן - אִיז מֶען בַּיים אֱמֶת. וִוי דֶער רֶבִּי שְׁמוּעֶסְט דָארְט אוֹיס בַּאֲרִיכוּת, 'קֵל' אִיז דֶער שֵׁם פוּן תְּפִילָה, 'אֱלֹקִים' אִיז דֶער שֵׁם פוּן תּוֹרָה, און ה' אִיז דֶער שֵׁם פוּן שִׁידוּכִים און שָׁלוֹם בַּיִת; דִי דְרֵיי זַאכְן זֶענֶען יְסוֹדוֹת בַּיים רֶבִּי'ן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ב)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מַאךְ יֶעדֶעס קִינְד פַאר אַ הֶעלְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

ד' פַּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ. גֶעדֶענְק דַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט אוּנְז; אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד, קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען, קִינְדֶער ווִילְן נָאר שְׁפִּילְן, און אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן לֶערְנֶען, אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן פָאלְגְן.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אַ טַאטֶע זָאגְט דִיר אַז דִי קִינְדֶער זָאגְן: "דִי יָאר הָאבְּן מִיר נִישְׁט מוֹרָא, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט שְׁטְרֶענְג, דֶער רֶבִּי שְׁלָאגְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי טוּט גָארְנִישְׁט"; וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ פוּן וָואס דִי קִינְדֶער זָאגְן, און זִיכֶער נִישְׁט וָואס עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר.

וֶוען עֶלְטֶערְן רוּפְן דִיךְ מִיט טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן; הֶער פוּן זֵיי אִינְפָארְמַאצִיֶע, הֶער צוּ יֶעדֶעס וָוארְט, און נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; זָאלְסְט נֶעמֶען דִי לִימוּדִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, דִי לִימוּדִים פוּן מוֹהֲרָא"ש און מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת און לִיבְּשַׁאפְט וַוייטֶער זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל. יֶעצְט אִיז אִינְמִיטְן נַאכְט, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעצְט נָאכְן פָארְן אַ לַאנְגֶע וֶועג; אִיךְ הָאף מָארְגְן צוּ מַאכְן אַ בַּאזוּךְ בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, דִיר מְחַזֵּק זַיין.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קִינְד הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס דוּ זָאגְסְט אַז עֶר אִיז דִיר נִישְׁט גוֹרֵם, עֶר אִיז קַאלְט, טְרוּקְן וְכוּ' וְכוּ'; ווייל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין זוּן? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין בְּרוּדֶער? חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אוֹיף אַ אִידִישׁ קִינְד עֶר אִיז אַ קַאלְטֶער, אַ טְרוּקֶענֶער וְכוּ' וְכוּ', דִי אַלֶע נֶעמֶען; דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי ווִי דִי פְּלִשְׁתִּים וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט אַלֶע בְּרוּנֶעמְס וָואס דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן, אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִיז צוּ גְרָאבְּן בַּיי יֶעדְן אִיד און טְרֶעפְן אַ בְּרוּנֶעם וַואסֶער, מַיִם חַיִּים; נִישְׁט פַארְשְׁטָאפְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אַז אַ קִינְד אִיז פַארְמַאכְט, פַארְשְׁלָאסְן - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁוֶועריִקֵייט אִין לֶעבְּן. פֶּערְצוּפַאל הַאלְט אִיךְ מִיט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, עֶר קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען עֶרְגֶעץ אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, דִי קִינְדֶער גֵייעָן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע יָארְן; אַלֶע בְּרִידֶער און שְׁוֶועסְטֶער זֶענֶען אַזוֹי גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ זַיין פוּן אוּנְזֶער אַרְמֵיי - זָאלְסְטוּ זַיין אַ גוּטֶער סָאלְדַאט, אַ בְּרַאוֶוער גֶענֶערַאל און נִישְׁט לָאזְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין אֵיין קִינְד בְּלַייבְּן פַארְשְׁטָאפְּט. זוּךְ אַ גְרִיבֶּעלֶע בַּיי אִים אִין הָארְץ, זוּךְ וַואסֶער. קוּם מִיר דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס דִי עַבְדֵי אָבוֹת הָאבְּן דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית כו, לב): "מָצָאנוּ מָיִם!" זוּךְ אִין אִים אַ פְּלַאץ, מַאךְ אִים אַ הֶעלְד, מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד, וּבִפְרָט דִי קִינְדֶער וָואס עֶס דַארְף נָאךְ אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי אַסַאךְ אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ נָאכְמֶער לִיבּ הָאבְּן.

לֵייג אַוֶועק אַלֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים, לָאז אָפּ אַלֶעס; יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען מְלוּמְדוּת פַאר דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. זַיי פֶּעלְזְן פֶּעסְט, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן קֵיינֶעם, אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מֵאַף אֶחָד שֶׁבָּעוֹלָם! לֶערְן אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, לֶערְן זֵיי אוֹיס צוּ זַיין הֵיילִיג.

אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דָאס זָאל זַיין דַיין וֶועג וַוייזֶער, דַיין חִיזוּק, דַיין מוּסָר סֵפֶר, דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

**אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר שְׁטֶענְדִיג.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ב)

>>>>>>

און מִיט יֶענֶעם, דַאן קֶען עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן גְלַייךְ, זַיין גַאנְצֶער מֹחַ לִיגְט נָאר אִין דֶעם ווִי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט יֶענֶעם און יֶענֶעם אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהוֹיבְּט זִיךְ אָבֶּער אַבִּיסְל הֶעכֶער, עֶר קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט פוּן אוֹיבְּן אַרָאפּ, דַאן פַארְשְׁטֵייט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן אַזוֹיפִיל.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, קוּקְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זִיךְ, עֶר זוּכְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי יֶענֶעם צוּ פַארְבֶּעסֶערְן, און עֶר זוּכְט נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, עֶר לֶעבְּט זִיךְ אִין זַיין אֵייגְן וֶועלְטְל בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט דַוְקָא יָא אַרַיינְצוּשְׁטֶעקְן זַיין נָאז בַּיי יֶענֶעם, צוּ זַיין פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן אַן עֵצָה אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז דֶער צְוֵוייטֶער עֶקְזִיסְטִירְט בִּכְלַל.

דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פח, א) אַז וֶוען פּוֹטִיפַר'ס וַוייבּ הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף יוֹסֵף און מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין טוּרְמֶע, הָאט גַאנְץ מִצְרַיִם גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, און מֶען אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּן יוֹסֵף. דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט'ן שַׂר הַמַּשְׁקִים און דֶעם שַׂר הָאוֹפִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען פַּרְעֹה, און אַזוֹי הָאט מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף. אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס אֵייבִּיג וֶוען מֶען ווִיל זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אוּמְשׁוּלְדִיג, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן און מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש. אֵיינֶער הָאט גֶע'מַסְרְ'ט אַז דִי גֶעבֵּיידֶע פוּן דִי בֵּית הַמִּדְרָשׁ און דִי יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעט גֶעוָוארְן לֶעגַאל, און מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְפָּארְשְׁן. אֵיין טָאג הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּקְט אִין שׁוּל עֶטְלִיכֶע פָּאלִיצֵייאִישֶׁע אוֹיסְפָּארְשֶׁער מִיט'ן צִיל אוּנְטֶערְצוּזוּכְן דֶעם גַאנְצְן בִּנְיָן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז דָארְט לֶעגַאל. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּפָארְשְׁן מוֹהֲרָא"ש און אִים אוֹיסְפְרֶעגְן אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת און חֲקִירוֹת. אִינְצְווִישְׁן הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי בַּאמֶערְקְט פוּן דִי פֶענְסְטֶער אַז אַ פָּאלִיצֵיי קַאר הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט און עֶר גֶעבְּט אַ טִיקֶעט פַאר זֵייעֶר קַאר וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעפַּארְקְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. זֵייעֶר קַאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּאצֵייכֶנְטֶע פָּאלִיצֵיי קַאר.

זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ זָאגְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי אִינְדְרוֹיסְן וֶוער זֵיי זֶענֶען אַז מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אוֹיסְפָּארְשֶׁער און זֵיי אַרְבֶּעטְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי דֶעפַּארְטְמֶענְט, און מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. עֶס הָאט זֵיי אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. דֶער פָּאלִיצִיַאנְט אִינְדְרוֹיסְן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם טִיקֶעט און זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן, און עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער.

דִי אוֹיסְפָּארְשֶׁער זֶענֶען צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא"ש אִיז גְלַייךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי און זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט, אַז דֶער פָּאלִיצִיַאנְט הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רֶעכְט זֵיי צוּ גֶעבְּן אַ טִיקֶעט, זֵיי אַרְבֶּעטְן דָאךְ אוֹיךְ פַאר דִי פָּאלִיצֵיי, און זֵיי זֶענֶען נָאךְ הֶעכֶער אִין רַאנְג פוּן דֶעם פְּשׁוּט'ן פָּאלִיצִיַאנְט וֶועלְכֶער גֵייט אַרוּם אִין דִי גַאסְן, און אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר זֵיי, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז זָאלְן שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין אִין גֶערִיכְט און קְלָאגְן דֶעם פָּאלִיצִיַאנְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶע חוּצְפָּה...

דִי אוֹיסְפָּארְשֶׁער הָאבְּן זֵייעֶר עֶרְנְסְט גֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט לוֹיפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצִיַאנְט צוּ זֶען וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִים צוּ קֶענֶען קְלָאגְן אִין גֶערִיכְט. מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵיי דַאן גֶעגֶעבְּן אַ פְרֶעג וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן מִיט דִי גֶעבֵּיידֶע, אוֹיבּ אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג... הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אַלֶעס אִיז ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין... זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע פַּאפִּירְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז גוּט און פֵיין... און זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצִיַאנְט...

וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט פַאר'ן עוֹלָם: "יֶעצְט הָאט אִיר גֶעזֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דָאס וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ אַלֶעמָאל. אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט זִיךְ אָנְצוּלֵייגְן און צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר וֶועט מוּזְן אָפְּלָאזְן יֶענֶעם".

דָאס דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר זָאל אַלֶעמָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַלֵיין צוּ פַארְבֶּעסֶערְן. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ אַ צְוֵוייטְן, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, און נִישְׁט זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶענֶעם, און נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ צְוֵוייטְן.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן "צֶמַח צֶדֶק" זי"ע און הָאט אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר קוּמְט אִין שׁוּל, טְשֶׁעפֶּעט אִים יֶעדֶער אֵיינֶער, יֶעדֶער טְרֶעט אוֹיף אִים, און עֶר קֶען דָאס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן. הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער הֵייסְט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְלֵייגְן אִיבֶּערְ'ן גַאנְצְן שׁוּל אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט, און אַזוֹי וֶועט יֶעדֶער מוּזְן

<<<<<<

>>>>>>
טְרֶעטְן אוֹיף דִיר? דוּ שְׁטֵיי אִין דַיין ווִינְקְל, אוּן דַאן וֶועט בְּלַייבְּן גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף דִיר"...

ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס זִיצְט אַיין אִין זַיין ווִינְקְל, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט פַּארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַאְ"שׁ ח"ו עֶרֶךְ חִלּוּקֵי דֵעוֹת, וח"ז עֶרֶךְ בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, אַשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק מ"ח מִכְתָּב ח'תתי"א)

>>>>>>
מער דעטאלן איבער די געהויבענע שיינע נסיעה קען מען ליינען אינעם "קרית ברסלב" צייטונג פון די וואך.

**חזק ונתחזק בעד עמינו!**

***

# סעודת הילולא פון רבי נתן זי"ע

א גרויסער ציבור אנשי שלומינו זענען זיך צוזאם געקומען דעם מאנטאג נאכט אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג צום יארצייט פון הייליגן רבי נתן, דער גרויסער תלמיד פון הייליגן רבי'ן.

דער עולם האט זיך געוואשן צו די סעודה, וואס איז אויך געווען לכבוד די סיום מסכת תענית. דער חשובער מגיד שיעור הרה"ג מו"ה אלחנן רוטה שליט"א האט געזאגט דעם הדרן, און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט דברות קודש, שטארקע דברי התחזקות פון הייליגן רבי'ן און פון רבי נתן זי"ע. דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז ס'האט זיך זייער שיין אויסגעשטעלט דאס יאר אז די יארצייט סעודה איז איינאיינעם מיט א סיום מסכתא, ווייל דאס איז איינע פון די גרעסטע עצות פון הייליגן רבי'ן, דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז נישט קיין חילוק ווי ווייט א מענטש איז געפאלן, זאל ער זיך אנכאפן אין די הייליגע תורה, לערנען יעדן טאג תורה, און דאס וועט אים זיכער ארויסשלעפן פון אלעם שלעכטס, און וועט אים פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג, דאס וועט אים ברענגען די גרעסטע הצלחה ברוחניות ובגשמיות. און דער הייליגער רבי געבט אונז א וועג אז יעדער זאל קענען זוכה זיין לכתרה של תורה, מיט'ן סדר דרך הלימוד, צו זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה.

מיר דארפן לערנען די ספרים פון הייליגן רבי'ן און פון רבי נתן, ובפרט היינטיגע צייטן ווען מיר האבן די ספרים פון מוהרא"ש זי"ע, וואס האט אראפגעשריבן זייערע עצות אויף אזא גרינגע וועג אז יעדער זאל עס קענען פארשטיין און מקיים זיין, דארפן מיר עס לערנען און חזר'ן און טון, וועלן מיר מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. ווי אויך דארפן מיר נאכמאכן רבי נתן וואס איז אים איז געגאנגען אין לעבן צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר נאך אידן, מיר דארפן מאכן הפצה און זיכער מאכן אז יעדער איד אויף דער וועלט ווייסט אז ס'איז דא א רבי וואס קען אים העלפן, א רבי וואס האט אויך פאר אים א וועג צוריק צו קומען צום אייבערשטן, און מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט פון די לעצטע טעג פון הייליגן רבי נתן פאר זיין הסתלקות, וואס פון דעם קען מען ארויסנעמען אסאך חיזוק און התעוררות צו וואס א איד דארף שטרעבן.

נאך ברכת המזון איז מען זיך צוגאנגען מיט פרישע כוחות זיך צו שטארקן אין עבודת ה' מיט די עצות וואס רבי נתן האט אונז איבערגעגעבן פון הייליגן רבי'ן, און מיט א קבלה טובה עוסק צו זיין מער אין הפצה, יעדער איינער אויף זיין וועג.

**תורתו מגן לנו!**

***

# מ'הויבט אן זיך גרייטן צום רבינ'ס ראש השנה

מיר האלטן טאקע קוים נאך חנוכה, אבער ביי ברסלב'ע חסידים לעבט מען א גאנץ יאר מיט'ן הייליגן רבי'ן, און מ'געדענקט וואס דער רבי האט געוואלט אז יעדער זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער האט געזאגט אויף דעם גאר גרויסע זאכן, "די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אויף מיין ראש השנה", "אפילו די וועמען איך קען נישט העלפן א גאנץ יאר, קען איך אבער יא העלפן אום ראש השנה", "יעדער דארף קומען צו מיר אויף ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן!", און אזוי ווייטער האט דער הייליגער רבי געגעבן גאר שטארקע הבטחות פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, ער וועט אויסבעטן פאר זיי א זיס ליכטיג יאר.

טאקע דערפאר ווייל דעם רבינ'ס ראש השנה איז אזוי גרויס, איז דא זה לעומת זה גאר שטארקע מניעות און שוועריקייטן, יעדער אויף זיין אייגנארטיגן אופן, אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, ובפרט אין די לעצטע צוויי יאר וואס צוליב דער מצב העולם איז געווען גאר שוועה צו קומען און גיין סיי וואו פון איין לאנד צום צווייטן איבער די וועלט. ברסלב'ע חסידים האבן אבער אלץ געוואוסט אז די איינציגסטע וועג אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן איז נאר מיט אסאך תפלה, בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

עס איז אבער א שאד צוווארטן אויף די לעצטע מינוט, שוין פון אנהויב יאר קען מען אנהויבן אוועקלייגן תפלות אז מ'זאל זוכה זיין אנצוקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי ווי דער רבי אליין האט זיך אויסגעדרוקט, "גלייך נאך ראש השנה בייג איך שוין צו די אויער און איך הער שוין דעם שמש קלאפן אויפ'ן פענסטער צו וועקן צו סליחות", יעדן טאג בעט מען דעם אייבערשטן מ'זאל זוכה זיין אנצוקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי אז ווען עס קומט נענטער צו ראש השנה גייט שוין אלעס ווי געשמירט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

אויך בגשמיות קען מען זיך שוין אנהויבן גרייטן אויף ראש השנה, פילע אנשי שלומינו לייגן אוועק יעדע וואך במשך די יאר א סומע געלט, אז אנקומענדיג נענטער צו ראש השנה זאל מען שוין האבן גרייט די שפעזן אויף די הייליגע נסיעה.

די בארימטע טרעוול פירמע **"פלען איט רייט"** האט יעצט אנגעהויבן א נייע סערוויס וואס זיי שטעלן צו פאר'ן ברייטן ציבור, אז מ'קען שוין פון יעצט אנהויבן ארייגלייגן ביי זיי צוביסלעך עפעס געלט אויפאמאל, און זיי וועלן דאס האלטן ביז בעפאר ראש השנה, ווען מ'וועט זיך קענען אויסקלויבן צו פארן מיט סיי וועלכע פליגער וואס ס'וועט זיין עוועליבל צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה.

די נייעס איז שיין באגריסט געווארן דורך פילע אנשי שלומינו וואס האבן שוין לאנג ארויסגעקוקט אויף אזא סארט סערוויס, און דאס וועט זיי פיל פארגרינגערן נישט צו דארפן שאפן די גאנצע סומע גלייך פאר יום טוב.

מ'קען אריינרופן צו **"פלען איט רייט"** אויפ'ן נומער 845-678-3555, און דרוקן עקסטענשאן 109, וואס איז ספעציעל צוגעשטעלט געווארן פאר דעם נייעם סערוויס.

**פרוטה ופרוטה מצטרפת!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# ווִיל אִיךְ דֶעְן אֱמֶת'דִיג זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ", טְרַאכְט אִיךְ, 'וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ ווִיל טַאקֶע זַיין עֶרְלִיךְ? אֶפְשָׁר זָאג אִיךְ עֶס נָאר וַוייל עֶס אִיז דִי סְטֵייל צוּ זָאגְן, נָאר וַוייל אִיךְ הֶער עֶס בַּיי דִי שִׁיעוּרִים?'

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם טְרַאכְט אִיךְ אוֹיךְ וֶוען אִיךְ זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, טְרַאכְט אִיךְ דֶעמָאלְט אַז דָאס אִיז אַ פְרוּמֶע זַאךְ, אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מַאכְן אַזוֹי פְרוּם, סְ'אִיז סְתַּם נַארִישׁ אוּן קִינְדֶערִישׁ.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טְרַאכְטְן וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זָאג וַוייטֶער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, וַוייל דָאס ווִילְסְטוּ טַאקֶע, אוּן יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין גוּט, נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵייְדְט אַזוֹי אוּן פַארְטוּמְלְט אַזוֹי דֶעם מֶענְטְשׁ - אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט שׁוֹין אַלֵיינְס נִישְׁט וָואס עֶר ווִיל; מֶען מֵיינְט מֶען ווִיל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת ווִיל דֶער אִיד אֵיין זַאךְ, זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן רֶבִּי"ן, דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּנֶעם שָׂטָן אוּן אָפְּלָאזְן חַס וְשָׁלוֹם דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה. דֶער שָׂטָן צִיטֶערְט פוּן אֵיין זַאךְ, עֶר הָאט מוֹרָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר אוֹיס, עֶר וֶוערְט כְּלֹא, וֶוען דֶער אִיד קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן גֶעוֶוען, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת"**; וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַפָּאר אֱמֶת'ע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְן אָפְּגֶעמֶעקְט אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים. דֶעְרִיבֶּער אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ; דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם פַארְמַאכְט אוּן פַארְקְלֶעבְּט דִי מוֹיל מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען רֶעדְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער.

עֶס אִיז אֱמֶת וָואס דוּ טְרַאכְסְט אַז דוּ זָאגְסְט דִי וֶוערְטֶער וַוייל דוּ הֶערְסְט דָאס בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, זֵייעֶר גוּט; זָאלְסְט וַוייטֶער צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה - וֶועסְטוּ דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט וֶועלְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קכה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אַ קִינְד פוּן ר' מֵאִיר, אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק, אוּן דִי מַאמֶע קֶען זִיךְ נִישְׁט טְרֵייסְטְן.**

דָאס אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער דַאטוּם פוּן דִי חֲתוּנָה פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, אוּן דַאן אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין צוּ זֵיי אִינְדֶערְהֵיים. זִי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן שְׁטוּב אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִיר דִי אֲבֵלוּת, וַוייל דִי חֲתוּנָה וֶועט זַיין בַּיי זֵיי, אוּן זִי וֶועט זַיין דִי מְחוּתֶּנֶתְ'טֶע.

זִי הָאט עֶס טַאקֶע אָנְגֶענוּמֶען, זִי הָאט צוּגֶעגְרֵייט אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן פַאר דִי חֲתוּנָה אוֹיף אַ רַייכֶע פַארְנֶעם, וִוי גְרוֹיסֶע גְבִירִים אוּן נְגִידִים. זִי הָאט גֶעקוֹיפְט קְלֵיידֶער פַאר דִי כַּלָּה, אוּן מְ'אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן קֶעגְן גֵיין דֶעם חָתָן, אוּן זִי הָאט גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה פַאר דִי חָתָן-מָאל, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי חֲתוּנָה אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְ'ן שֶׁענְסְטְן אוּן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם בְּרוֹב פְּאֵר וְיוֹפִי.

זִי אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן וִוי אַ מְחוּתֶּנֶתְ'טֶע, מִיט טֵייעֶרֶע גָאלְדֶענֶע צִירוּנְגֶען, אוּן זִי הָאט גֶעגֶעבְּן דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק אַ גְרוֹיסֶע גָאלְדֶענֶע מְנוֹרָה.

[נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶערוּפְן אוּן אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט הָאבְּן אַ קִינְד אוּן זָאלְסְט אִים אַ נָאמֶען גֶעבְּן נַחְמָן, "מַיין נָאמֶען אִיז נַחְמָן בֶּן פֵייגָא, אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ הֵייסְן נַחְמָן בֶּן פֵייגָא" - וַוייל אִיר נָאמֶען אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פֵייגָא - "אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ חִידוּשׁ אִין מַיין זַאךְ, וֶועט עֶר זַיין אַ חִידוּשׁ אִין זַיין זַאךְ" אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט אִיר עֶטְלִיכֶע תְּנָאִים וְכוּ' וָואס זִי וֶועט מוּזְן מְקַיֵּים זַיין.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגֶל, זִי הָאט אָבֶּער נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן דִי תְּנָאִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִי אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט אִיר וְכוּ'. דֶערְנָאךְ אִיז זִי גֶעפָארְן פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס זִי זָאל יֶעצְט טוּן, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט מַאכְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי וִוי מְ'הָאט נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן זַיינֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען, אוּן דֶערְפַאר וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין חִידוּשׁ. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.]

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין ארץ ישראל

שוין א לענגערע צייט וואס אנשי שלומינו אין ארץ ישראל, תלמידי היכל הקודש,ווארטן און בענקן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זיי קומען באזוכן און מחזק זיין. כאטש וואס מ'וואוינט ווייט, האלט מען מיט אלע שיעורים פון ישיבה, מען לערנט די ספרים, מען לערנט די בריוו, מ'לעבט מיט די געוואלדיגע עצות און לימודים, און מ'שטארקט זיך מיט די חיזוק און התעוררות, פון דעסט וועגן האבן זיי געהאפט און געגארט אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל פערזענליך אמאל אריבערקומען און מחזק זיין די ארטיגע אידן.

צוליב דעם מצב העולם איז זייער שווער געווען דאס אויסצופירן למעשה, אבער מיט פילע תפילות און השתוקקות האט דער אייבערשטער געהאלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א האט באקומען רשות צו פארן קיין ארץ ישראל, און ער האט זיך ארויסגעלאזט דעם פארגאנגענעם מיטוואך אויף די נסיעה, מיט איין באגלייטער וואס איז מיט אים מיטגעגאנגען.

אויפ'ן וועג האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן פילע בריוו פאר אידן וואס ווארטן אויף עצה ותושיה אין אלע ענינים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויפגעהאלטן אין ארץ ישראל פון דאנערשטאג ויגש ביז זונטאג ויחי, און די גאנצע צייט איז געווען איין לאנגע קייט פון ארומפארן און מחזק זיין פילע חבורות און בתי מדרשים היכל הקודש אין ארץ ישראל.

אנגעהויבן אין בני ברק, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט אפגעשטאט א באזוך אינעם נייעם בית המדרש היכל הקודש אין שטאט, נאכדעם וואס מ'קומט זיך שוין צוזאם פאר א לענגערע צייט מיט חבורות זיך מחזק צו זיין איינאיינעם. דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן א שיעור און שטארק מחזק געווען די ארטיגע אידן.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין בית שמש וואו ער האט געגעבן דעם וועכנטליכן ליל שישי שיעור, פילע אידן זענען זיך צוזאמגעקומען פון נאנט און ווייט, און זיך מחי' געווען מיט די ווערטער פון הייליגן רבי'ן.

דאן איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבערגעגאנגען צו א שמחת שבע ברכות פון החתן חיים הי"ו בן מו"ה נפתלי יאקאבאוויטש שליט"א, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט אויך גערעדט אפאר ווערטער.

פון דארט איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין ירושלים עיה"ק, וואו ער האט געוויילט אויף שבת קודש. אנשי שלומינו פון ירושלים עיה"ק, אין צוגאב צו נאך פילע אנשי שלומינו פון איבער גאנץ ארץ ישראל וואס זענען געקומען צו פארן מיטצוהאלטן דעם שיינעם שבת, געבן איבער אז אזא שיינער שבת האבן זיי נאך קיינמאל נישט געהאט, די תפילות, די שיעורים, די ניגונים, און אזוי ווייטער דער גאנצער שבת, וואס איז אפגעראכטן געווארן אין בית המדרש היכל הקודש אין ירושלים, איז געווען ממש מעין עולם הבא; דאס האט זיי אריינגעגעבן פרישע כוחות וואס וועט זיי טראגן און האלטן פאר גאר א לאנגע צייט.

מוצאי שב"ק זענען געקומען צו פארן נאך פילע אנשי שלומינו וועלכע האבן נישט געקענט קומען אויף שבת, דעריבער האט מען געדארפט ארויסנעמען א גרעסערע זאל וואס זאל קענען אריינעמען די פילע הונדערטער אידן. א שיינע סעודה איז צוגעשטעלט געווארן לכבוד מלוה מלכה, מען האט געזינגען די זמירות און נאך ווארעמע ניגונים, און דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט גערעדט פאר א לענגערע צייט און מחזק געווען דעם עולם מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

זונטאג אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט די גמרא שיעור אין בית המדרש אין ירושלים, און מסיים געווען מסכת תענית וואס מ'לערנט יעצט אין די ראמען פונעם דף הקהלה. אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעשריבן אן אות אין עטליכע פרישע ספרי תורה וואס אנשי שלומינו הויבן יעצט אן שרייבן.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין מירון, צו ציון הרשב"י, אינאיינעם מיט א גרויסע קבוצה פון אנשי שלומינו. מען האט זיך אויסגעבעטן ביים ציון הקדוש אלע גוטע ישועות, און דערנאך איז מען ארויף אויפ'ן דאך פון די מערה וואו מען האט געזינגען אינאיינעם ווארעמע ניגונים און דערנאך זיך ארויסלאזט אין פרייליכע טענץ. פון דארט איז מען געפארן צום ציון הקדוש פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריה, וואו מען האט געדאווענט מנחה און דערנאך מתפלל געווען און זיך אויסגעבעטן ביים אייבערשטן אלעס גוטס.

דאן איז מען געפארן קיין יבנאל, צום ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע. מען האט געזאגט תהלים מיט גרויס התעוררות, דער ראש ישיבה שליט"א האט מחזק געווען די בחורים אויסצוזאגן דארט גאנץ תהלים בלי הפסק, אזוי ווי מוהרא"ש האט מבטיח געווען אז יעדער בחור און מיידל וואס וועט אויסזאגן תהלים ביי זיין קבר, וועט ער זיך משתדל זיין זיי זאלן טרעפן זייער שידוך בקרוב ובניקל.

פון דארט איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן צום לופט פעלד אויפ'ן וועג אהיים קיין ניו יארק. אנשי שלומינו פון ארץ ישראל האבן זיך גאר שטארק מחי' געווען מיט דעם באזוך, און דאס וועט זיי בלייבן אין די ביינער פאר א לאנגע צייט.

אלע דרשות און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל, קען מען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, זעט די נומערן צו רופן ביים סוף פונעם גליון.

<<<<<<


## זייט מתפלל!

פאר ר' יצחק בן פייגלא

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**



## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעזער הי"ו וזוגתו תחי'**

**צו די אפשערן פון די צווילינג אינגלעך למזל טוב**

**נחמן נתן נ"י און הערש אלימלך נ"י**

די חשובע **מרת לעזער תחי'**, די געטרייע **מנהלת פון בית פיגא**, איז די רוקן-ביין פון די ברסלב'ע סקול, זי איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון די קינדער און פון אלע קינדער געזונטערהייט



## התחזקות

**נישט חילוק אין וועלכע מצב דו ביסט, נישט קיין חילוק ווי שווער עס גייט דיר אין לעבן, איז דא התחזקות פאר דיר**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1. 2. 2. 7. 12**



## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**




< BreslevCenter.com >